?נ? ב"מ -- ראשי=תיבות פון א צאל ווערטער=באהעפטן:
בבא מציעא, בית=מדרש, בעל=מידות, בעל=מלאכה,
בעל=מקובל, בר=מינן, בר=מצווה, בר=מצרא,
ברית=מילה, בת=מצווה א"א.

?נ? במ"א -- ראשי=תיבות פון א צאל ווערטער=באהעפט:
במנהג אשכנז, במקום אחר א"א.

?נ? במאי קא מפלגי | בעמאַי קאָ מיפלעגי | --
( סה ) פראזע פון גמרא=לשון, מיינט: אין וואס
קריגן זיי? וועגן וואס איז ביי זיי דער וויכוח?
די חילוקי=דעות?

1919 " במאי קמיפלגי -- אין וועלכער סברא קריגן זיי".
ששי II, ז' 49. 6538

1970 " במאי קא מפלגי -- אין וואס קריגן זיי אריין?".
רעד' ר. מאהלער, יזב ~~סאנץ~~, ת"א, ז' 561. 6538

?נ? במ"ב -- ראשי=תיבת פון א צאל ווערטער=באהעפטן:
במהרה בימינו, במעשה בראשית.

במדבר | באמידבער | 1. נאמען פון פערטן ספר אין
חומש. % זומער אין די גרעסטע היצן האט מען
אין חדר געלערנט „במדבר".

2. די ערשטע סדרה פון ספר „במדבר". % היינטיקע
וואך גייט די סדרה „במדבר". זיין בר=מצווה איז
אויסגעפאלן ביי דער סדרה „במדבר".

0 במדבר רבה | ...ראַבאָ | - נאמען פון פערטן טייל
אין מדרש רבה. % אין „במדבר רבה" זיינען דא
שיינע מעשהלעך.

במדרגה / במדרגת | בעמאַדרייגע/בעמאַדרייגעס |

- ערשטער טייל פון א צאל אדוורבן:

במדרגת איש | ...איש | - ( פֿפֿ ) אויף דעם שטאפל, ( אויף דער הייך, ניוואָ ) פון א מענטשן.

" און לגבי קוב"ה אליין, וואס כביכול הייסט דער אדם דלעילא, |...| ווערט משה רבינו אפילו אויף נאר גערופן במדרגת איש ". נופת צופים, ווילנע, דף 276 - II. 1883

6541

4

במדרגת בשר=ודם |...באַטער=וועדאַם | -- דזוו דפוו.

במדרגה עליונה |... עליוינע | - ( פֿפֿ ) אויף א הויכן שטאפל, אין א הויכן שטאנד. % אין לערנען איז דער בחור שוין במדרגה עליונה, אין גיכן וועט ער קריגן סמיכה אויף רבנות.

במ"ה -- ראשי=תיבות פון א צאל ווערטער=באהעפטן: במידת הדין, במדת הרחמים, במקום הידוע א"א. (?נ?)

3א

במה | באַמע | - די, במות | באַמעס |. 1. געביי/איינריכטונג אויף א העכערן ארט, אויף א בערגל, וווּ מע האט אין די אלטע צייטן געשטעלט א מזבח צו ברענגען קרבנות(פאַרן אויפבוי פון בית=המקדש האבן יידן אויך מקריב געווען קרבנות אויף במות, שפעטער איז עס פארבאטן געווארן, און ס'איז געבליבן בלויז ביי געצנדינסט ).

בם - 3.

1870 " פארצייטן זענען פארבאטן געווען במות אפילו
נים פון דער עבודה-זרה וועגן ". קמ, נ' 47, 6593
ז' 349 - !!!.

1941 " ווייל היינט איז אן אָפּפּער=שלאכטונג ביים פאלק
אויף דער במה ". תי, שמואל, ט - 12. 6550

1968 " |...| אויף במות בונטע, צווישן דיינע טאנצנדיקע
מיידלעך ". ל. אליצקי, פון גאלדענעם קרוג, 6554
ב"א |?|, ז' 99.

2. (עלט) באלעמער, בימה אין א בית=מדרש.

1881 " אין מיטן דער שול וואַר | איז געווען | א גרויסע
במה (אַלעמער) מיט זאלכע שונהייט וואס קיין 6546
לעבעדיקער מענטש איז נישט אימשטאנד צו ערשרייבן ".
י. מארגענשטערן, מקדש מלך, ווארשא, ז' 7.

1904 " שיקן | די ציונים | ארום מטיפים, וועלכע ריידן
אפ כל דבר אסור אויף די במות נעבן ארון=קודש 6552
|...|". נתנאל, דער פּוטטערנער אייזוועז,
פיעטריקאָב, ז' 6.

ם ←---- 1.

1610 " אונ' זיא האבן גיבויט דיא במות דז איז גיא בן
הינום צו פר ברענן איר זוין אונ' איר טוכטר |...|". 6547
טח, ויקרא ( הפטורה, ירמיה ז - לא ).

1722 " דען דשווארט ( במה ) איז גמיינט אייך אופפר
שטול ". איבז מ. פרנקפורט, מנורת המאור,
אמשטרדם, דף פא - ב.

במה דברים אמורים | באַמע דוואָרים אמורים |

-- פראַזע. ( אט ) ווען איז דאס גערעדט געווארן ( ד"ה א געוויסע זאך, געשעעניש אַע איז מיגלעך, קען זיין נאר ביי א געוויסן באדינג, מיט א געוויסער באווארעניש ). % ער וואלט אוודאי געוואלט פאָרן צו זען זיך מיט דער משפחה, אבער במה דברים אמורים, — ווען דאס ווייב זיינס וואָלט געווען געזונט און געקאנט מיטפארן.

1881 " במה דברים אמורים, ווען זשע וואלט דאס אלעס רעכט געווען, ער זאל דאס טאן פאר זיין אייגן געלט. 6561
פאר יענעמס געלט פאר יענעמס פראצע |...|, איז שוין טאקע, ר' קרוב, אן עוולה ". י. דלוגאטש, די וועלט מסורה, ווארשע, ז' 25.

1912 " אזא בונדיסט איז ניט קיין 'ייד בתנאי', ניט קיין ייד מיט א 'במה דברים אמורים', זיין נאציאנאליזם 6559
איז דעריבער אן אבסאלוטער ". זשיט, שריפטן IV, נ"י, ז' 96.

1973 " אפט ניצט דער לערנער דעם אריגינעלן אויסדרוק פון דער גמרא בײַנאַנד מיט א יידישער איבערזעצונג 6556
|...| במה דברים אמורים, ווען איז דאס גערעדט געווארן ". מווג, I, נ"י, ז' 230.

במה חטאתי | באַמע כאַטאָסי |? - פראַזע. ( אט ) ?נ?
מיט וואס האב איך געזינדיקט ? ( געזאגט ווען עמיצער וויל אונטערשרייכן, אז ער איז בכלל אומשולדיק, אדער זיין עבירה/פארברעך איז ניט אזוי גרויס ).

1957 " במה חטאתי? איך האב געדארפט געלט, האט איר מיר געבארגט ". מאל, א שטוב מיט זיבן פענצטער, 6565
נ"י, ז' 182.

במהירות | בימעהירעס | -- אדוו. ( אט ) אויף גיך, איילנדיק. ?נ?

1875 " דער יצר זאל דיך ניט אנרעדן |...| צו דאַוונען במהירות ". איבז י. האמבורגער |...|, א. דאנציג, בית אברהם, לעמבערג, ז' 79.

?נ? במה כוהן גדול | באמע קויכעכאַ גאָדל |? - פּראַזע, ( ) איך וואס באשטייט דייך גבורה? וואס ביסטו אזוי תקיפותדיק? % וואס סטראשעסטו מיך אזוי - במה כוחך גדול?

?נ? במה מדליקין | באַמע מאַדליקין | -- טייטש: מיט וואס צינדט מען אן - ערשטע ווערטער פון צווייטן פרק משניות אין מסכתא שבת, וואס מען איז זיך נוהג צו זאגן פרייטיק צו נאכטס. % טייל זאגן במה מדליקין פארן דאווענען, אנדערע - נאכן דאווענען.

" ווען מן האט שוין במה מדליקין פאר שול דר היים גיזאגט אזו ברויכט עש ניט מין אין שול צו זאגין". 6566
ר׳ אריה ליב |...| זעליגמן |...|, תיקוני מועדים, פיורדא, תפ"ט, דף 42 - 1.

במהרה | בימהיירע | - אדוו. אין גיכן ( ס׳רוב אין דער אדוו פר במהרה בימינו ( ----> ).

"1909 |...| אראפווארפן זאלן מיר פון אונדז די טיטערע גזירה // און בויען דאס בית=המקדש אין גיכן, 6570
במהרה!". א. גאלדפאדען, בר - כוכבא, לעמבערג, ז׳ 11.

ם במהרה -- באלד, איילינק | קאל ווב |.

במהרה בימינו | בימהיירע בעיאמיינו | - אדוו פר, - אין גיכן, אין דער נאענטסטער צייט, געניצט ס׳רוב אין ווינטשעוואניעס. % איר זאלט דערלעבן במהרה בימינו אויסצוגעבן מיט מזל אייער טאכטער!

במ - 6.

1832 " דעמאלט וועלין אלי בשעפניש שפיל שווייגן און ווערין אלי אין דיר גלייבן דאש וועט זיין אז משיח וועט קומען במהרה בימינו אמן ". מחזור לימים נוראים, סלאוויטע, דף קי״ג - ב. 6573

1935 " גייט אהיים און זייט זיך משמח |...| במהרה בימינו וועלן מיר זיין אין ארץ=ישראל". באש, דער שטן אין גאריי, ווארשע, קאַנק 149/407 - V. 6574

?נ? במו"ה - ראשי תיבות פון 'בן מורנו הרב' (טיטולירונג).

?נ? במוהר"ר -- ראשי תיבות פון 'בן מורנו ורבנו הרב רבי'. (טיטולירונג).

במו (ידין) | בעמוי יאַדאָוו | -- (מט).1 מיט זיינע אייגענע הענט. % דער מענטש האט גאלדענע הענט - אט דעם ארון=קודש האט ער געמאכט במו ידיו.

1924 " רב דודס א ספר=תורה, וואס ער האט אליין געשריבן, במו ידיו, איז געבליבן בירושה ". א. רעכטמאן, ייפיל. [?]

2. (פיג) ער אליין, ניט קיין אנדערער. % דאס אומגליק האט ער געבראכט אויף זיך במו ידיו, קיינער איז ניט שולדיק.

?נ? במ"מ - ראשי תיבות פון 'במשא=ומתן'.

ב מ ו ס כ ם | בעמוסקעם | – אדוו. מיט דער צושטימונג, מיט דער הסכמה, אָפּגערעדט. % דער ענין איז באשלאסן געוואָרן במוסכם, קיינער האט זיך ניט אקעגנגעשטעלט.

1850 " איז ביי זיי אלע במוסכם געבליבן, אז עס וועט אים שוין ניט העלפן קיין שום רפואה צו די אויגן ". 6582

ס׳ שבחי בעש״ט, זאלקווא, ז׳ 36 – !.

0 במוסכם כולם | ... קולאָם | – דזוו דפוו, מער עמפאטיש.

1865 " און במוסכם כולם האבן זיי באשלאסן דאס אויס-צופירן און אויף דעם ארט זענען געפאלן 150 ר"כ. 6584

קמ, נ׳ 19, ז׳ 292.

" ... און עס בלייבט במוסכם כולם, אז קיינער איז איך דעם ניט שולדיק ". פרץ, די תאווה צו קליידער.. 6583

ב מ ו צ א י י ו ם מ נ ו ח ה | בעמויציי יוים מענוכאָ | ?נ?

– ווען ס׳ענדיקט זיך דער רוטאג – ערשטע ווערטער פון א זמר פון שבת=צו=נאכטס.

1881 " ניט מאכן פסוקים פאר קאליקעס, ניט קריוואטשען | צעקרימען | זיי ווי א בדחן דעם במוצאי יום מנוחה".

מ. שאצקעס, דער יודישער פאר פסח, ווארשע, ז׳ 80.

1887 " | ... | האט ער | דער גנב | אָפּגעלייגט די גניבה אויף שבת=צו=נאכטס נאך א שיינעם במוצאי יום מנוחה".

ה׳א׳נ׳ך׳ | א. כהן |, ר׳ שלמה וואונדערהאלד, ווילנא.

במוצאי שבת | בעמאָציי שאבעס | - שבת=צו=נאכטס.

% שבת האבן די סוחרים געהאלטן אין שטעטל און

במוצאי שבת נאך הבדלה זיינען זיי אוועקגעפארן.

ם ובמוצאי שבת זיינען די טירקן |...| לפאליסאטן

קומן |...| אונ' פיל בויא האלץ אן גצונדיך ". 6590 בה 802

יידישע כראניק פון דער באלאגערונג פון ווין 1683,

פראג, תמ"ד, ציט MGWJ, 1937, 233.

במזומן | בימעזומען | -- אדוו. 1. ,אלבעדריט,

מיט דריי פערזאן צוזאמען ( וועגן בענטשן נאכן עסן).

% ער האט זיך ניט געזעצט צום טיש, סיידן ער האט

געוווסט, אז ער וועט קענען בענטשן במזומן.

1863 " ווען דרייא האבין אין איינעם גיגעסין אונ

איינער האט אפגיבענטשט פר זיך מעגין זייא בענטשין 6599

במזומן ". חא, ווילנא, דף לט - א.

1922 " ווען דריי האבן געגעסן צוזאמען זענען זיי מחויב

צו בענטשן במזומן ". איבז ווי"ט ... ,אלקינד, 6598

ברכות, מה - א, 160, לפנינס 1939.

2. מיט גרייט געלט, ניט געבארגט, ניט מיט א וועקסל.

% צאלן במזומן. אין דער קראם נעמט מען ניט קיין

טשעקן, מען מוז באצאלן במזומן.

1863 " איך האב דארט געערבט | געירשנט | פון מיינעם

ברודער הונדערט טויזנט שטערלינג במזומן |...|". 6603

אמד, דיא דרייא לאנגע ווינטער נעכט, ווארשא.

1917 " טעריטאריאליזם במזומן אדער אויף בארג ".

זשיט, שריפטן V, נ"י, ז' 122. 6604

1957 " פאראן אזעלכע סוחרים, וואס געבן סחורה נאר
6600 במזומן, אויף בארג געבן זיי ניט". לדב, נ"י, ז׳ קצ"ן.

|| במזומנים |בימזומאנים| - אדוו. דזוו במזומן,ב 2.

" ער האט געכאפט און צען זילבערנע גילדן אפגעצאלט 1888
6606 פאר דעם קעלבל במזומנים". ממוס, דאס ווינטשפינגערל,
ציט אויסג "מאגאזין" ווארשע, 1913, ז׳ 213.

1904 " אזוי לאנג ווי דער שרץ וועט האבן |...| במזומנים
6611 קורחס עשירות, וועט ער זיין א פארטיקער כופר".
יה"ל, דער אפיקורס, ווארשא, ז׳ 36.

?נ? ב מ ז " ט - רש"י=תיבות פון במזל טוב |בעמאזל טאוו|.

ב מ ז י ד |בעמייזעד| - אדוו. אומיסטן, בכיוון,
וויסנדיק וואס מע טוט ( ס׳רוב וועגן א בייזן ווילן ).
% עובר זיין אויף א בין במזיד. דעם באנקראט האט
דער סוחר געמאכט במזיד, פון פריער גוט צוגעגרייט.
דעם שאדן האט ער געטאן ניט במזיד, מעג מען אים מוחל
זיין.

1820 " |...| אז מען טוט זייא |די זאכן| במזיד איז מען
6620 דרוף חייב |...| אייני פון דיא פיר מיתות בית-דין
|...|". חה !!, דף ח - 2.

... " 191 גאט איז אן עדות, אז דאס איז געווען ניט
6619 במזיד, נאר בשוגג ". שע, פונ׳ם יאריד !,...
ז׳ 77.

1947 " נישט אלע יידן, וואס זענען געווען קאפאס,
6613 זענען עס געווען במזיד". הל, מיט דער שארית הפליטה,
נ"י, ז׳ 171.

1724 " און אזו מן מערט איך ערפארונג קומן דאש
א׳ מקהלתינו מערט עובר זייך <u>במזיד</u> און איך 6632
גרינגשטן עסקים עמו האביך מערט ענש יענש ".
<u>פנקס קהלת אה"ו</u>, כרוז כ"ב, תפ"ד, <u>ציט</u> ש. אסף,
<u>ייבל XXXIII</u> , נ"י, 1949, ז׳ 116.

במזל | בעמאזל | - <u>אדוו</u>. מיט מזל, מיט גליק,
צום גליק. % זיי האבן שוין <u>במזל</u> אויסגעגעבן זייער
יינגסטע טאכטער.

0 <u>במזל טוב</u> | ...טאוו | - <u>דזוו דפוו</u>, עמפאטישער.

1541 " און׳ די ברויילפט זול ווערן <u>במזל</u> טוב.//
אצינד גלייך צו ראש חדש ביסן | ניסן?|". בב, א/6635
<u>קאנק:</u> 612/338 - <u>VIII</u>.

1686 " איך דאנק גאט דאז איך אים מיין בייטל האב
גיברוכט // און׳ דאז איך <u>במזל</u> צו אים קומן בין, 6633
// אזו גידוכט ער איך זיינם זיך ". <u>ס׳ משלים</u>,
פפ"מ, דף לח - <u>I</u> - <u>II</u>.

1733 " שנית קן ניט אונטר לאזן אייך מיט עטליכי שורות
של שלום צו ביזוכן, וואו איך מוז מעלדן דש מיין 6635
ווייב <u>במז"ט</u> | בעמאזל טאוו | איז גילעגין ".
<u>י. מארשן</u>, <u>לשון זהב</u>, אמשטרדם, תפ"ד, דף 34.

במחילה | בימ(ע)כילע | - <u>פֿאַרט</u>, געניצט ווי א
באמערקווארט איך זאץ מיטן באטייט: זייט מוחל,
נעמט ניט פאר אומגוט ( קומט ווי א העפלעכקייט=
אויסדרוק פארן זאגן אן אומפאסיק אדער באליידיקנדיק
ווארט ). % איר האט, <u>במחילה</u>, אלע א טעות. דער
פארשויך איז, <u>במחילה</u>, א גראבער יונג.

1873 " ווען זי | די ציוויליזאציע | ארויסגנבנען די
6649 הייסע ברענענדיקע שרפים און זיי איינשפאנען אין
אירע מאשינעס |...| אונטערשמייסנדיק זי, במחילה,
מיט עלעקטרישע בליצן ". ממוס, די קליאטשע, ...
... 1924, ז' 147.

1912 " אבער אונדזער ייד האט דאך, במחילה, געלייגט
6637 | געזאגט ליגן | ". זשיט, שריפטן II, נ"י, ז' 83.

1955 " מיר האבן געהאט דעם איינדרוק, אז דער דאזיקער
6641 'גרויסער סטאר' |...| איז במחילה, א גרויסער "דראַנג"
|...|". ש. י. הארענדארף, טעאטער=קאראוואנען,
לאנדאן.

0 במחילת כּבודו | בימכילעס קעוווידוי | - אדוו פר.
דזוו דפוו, געזאגט נאר ווען עמעצן אין דער דריטער
פערזאן: זאל ער מיר מוחל זיין. דז במחילת כבודם
| ... קעווידאָם |: זאלן זיי מוחל זיין.

1866 " ער זאגט טאלנא איז אין פאלטאווער גובערניע,
6659 ניט דאס קיעווער טאַלנאַיע, און האט, במחילת כבודו,
גאר א גרויסן טעות ". קמ, נ" 32, ז' 499 - I.

1893 " קיינער האט ניט פארשטאנען וואס הייסט אמתע ליבע,
6660 אפילו געטע, וואס ער איז דער אבי אבות המשוררים,
האט אויך, במחילת כבודו, איר ניט פארשטאנען ".
ג. גוידא, דער נייער פראצענטניק, ווילנא, ז' 30.

... " ווי נאענט עס זענען געבונדן צווישן זיך די דריי
6661 מינים: דאס אלטע כתרילעווקער בית=עולם, די דאזיקע
ציגן |...| און טאקע זיי אליין, במחילת כבודם,
איך מיין די כתרילעווקער יידן ". שע, קליינע
מענטשעלעך, ציט אויסג אלע ווערק, VII, נ"י, 1944,
ז' 189.

במחילה גמורה | בימכילע גמורע | - אדוו פר.

(מם). מיט א פולשטענדיקער פארגעבונג ( מוחל זייך ).

% כאטש די האסט מיך באליידיקט, פארשטיי איך, פאר

וואס דו האסט עס געטאן און איך בין דיר מוחל

במחילה גמורה.

1870 " ער רוט נישט, אז ער האט יענעם אומרעכט געטון,

ביז ער בעסערט נישט אויס זיין פעלער, עכ"פ ביז 6656

יענער איז אים ניט מוחל במחילה גמורה ". קמ, נ' 2,

ז' 12 - !!!.

... " צוזעענדיק פון איר אזוי פיל געטריישאפט, האט

איר יאסעלע מוחל געווען במחילה גמורה אלע יסורים 6652

|...| וואס ער האט פון איר א מאל געליטן ".

שע, יאסעלע סאלאוויי, ציט אויסגאבע אלע ווערק

!!! X, נ"י, 1944, ז' 98.

... " דערזעט ער | דער חתן | מיך |...| און רופט צו

מיר: - מוחל, מוחל במחילה גמורה; עס איז קיין 6654

זיווג נישט געווען ". פרץ, מסירת נפש,

ציט אויסגאבע אלע ווערק V, נ"י, 1947, ז' 228.

?נ? במחנו | בעמאכנוי | - (מם) געניצט נאר אין דער

אדוו פר איינער במחנו, וועגן עמעצן וואס איך א

געוויסער אקציע אדער אידעע איז ער אליין, האט

ניט קיין מיטקעמפער, קיין אנהענגער.

1962 " א שומר תורה ומצוות, איז אפילו אויב ער איז

נאר איינער במחנו, האט ער צו זיך אלע יידן, וואס 6662

זיינען געווען פון מתן=תורה אן, א כוח פון א

גרויסער מחנה אויף לוחם צו זיין פאר דער תורה ".

ליקוטי שיחות, ג נ"י, ז' 437.

במחשבה | בעמאכשאווע | -- אדוו. (תת) איך געדאנק, איך זינען. % ער האט נישט געזינדיקט אפילו במחשבה.

1870 " במעשה שטארבט ער | דער נאר | פאר הונגער - און במחשבה ווערט ער נתעשר ". מ. מ. דלאגיטש, קמ, נ' 31, ז' 230 - II. 6663

" קיין תרעומות נישט האבן אויפן רבש"ע, נישט, חלילה, בפה, נאר אויך במחשבה ". אש, ר' שלמה נגיד. 1913

במחשבה=ובמעשה | ... אובעמייסע | - אדוו פר. (תת) אין געדאנק און אין די מעשים, טעארעטיש און פראקטיש. % דער דאזיקער ייד איז ניט קיין צבועק, ער איז טאקע פרום במחשבה ובמעשה - ער גלייבט ערלעך און היט אפ אלע מצוות.

במחשבה=תחילה | ... טכילע | - אדוו פר. (תת) מיט א פריערדיקן געדאנק, בכיוון, מיט א פארויס באשטימטער כוונה. % דאס ניט פארבעטן אים צו דער שמחה איז ניט געווען קיין סתם צופאל, נאר במחשבה תחילה אים צו באליידיקן.

" די אלע באגרענעצונגען |...| קומען לאו=דווקא במחשבה תחילה, זש' גק, נ' 29, ז' 9. 1958 6666

במחשכים | בעמאכשאקים | - אדוו. (תת) איך די פינצטערנישן, איך פארבארגעניש. ?נ?

" לעת=עתה איז איך דעם |...| ניט פאראן קיין אנדייט, אז ערגעץ במחשכים איז ר' צמח ניט קיין מאמין ". חג, צמח אטלאס. 1968 ב/6667

ב מ " ט - ראשי=תיבות פון במזל=טוב | בעמאזל=טאוו |,
במעשים=טובים | בעמייסים =טויווים | א"א.

?נ? ב מ י ד ה = י ד ו ע ה | בעמידע=יעדוע | - אדוו פר.
( טוו ) איך א געוויסער/באשטימטער מאס.

1957 " ציור און הרהור איז במידה ידועה אויסגעבונדן
6670 מיט גופנית און וועלט ". לדב, נ"י, ז' 372.

?נ? במידה מרובה | בעמידע מערובע | - אדוו פר. ( טוו )
אין א גרויסער מאס.

1957 " אין דעם קליינעם שטעטל איז דער שרעק געווען
6672 במידה מרובה, מען האט געלעבט אין פחד און מורא
|...| ". לדב, נ"י, ז' קנ"ג.

ב מ י ד ת ה ד י ן | בעמידאס האדין | - אדוו פר.
( טוו ) מיט דער מאס פון געזעץ, לויטן געזעץ,
מיט דער שטרענגקייט פון געזעץ. % אויף אזא
פארברעכער דארף מען קיין רחמנות ניט האבן, מיט
אים דארף מען זיך באגיין נאר במידת הדין.

1736 " גאט מוז דיא אומות העולם דן זיין במידת הדין
6674 פון וועגן אירר עבירות ". קאל ווב.

ב מ י ד ת ה י ו ש ר | בעמידאס האיוישער | - אדוו פר.
( טוו ) מיט דער מאס פון יושר, יושרדיק, גערעכטיק.
% על=פי=דין קומט אים אפשר גארנישט, אבער במידת
היושר דארף ער קריגן א חלק פון דער ירושה.

... " בעט איך אייך, איר זאלט גייך מיט מיר במידת היושר".
(חח) שע, איבערגעכאפטע בריוו.

ב מ י ל א | בעמיילע | - פפ ממילא. פארט. 1.
סיי ווי ( סיי ). % די הייב נאר אן דאס איבעריקע
וועט שוין במילא קומען. א שאד דייך מי אים צו
דערקלערן, ער וועט במילא גאר ניט פארשטיין,
דער שוטה. קאנסט מיר מיטגעבן דעם בריוו, איך
דארף במילא זיין היינט ביי אים.

1904 " זעץ דיך אויף |...| וועל איך דיך א ביסל
6689 אונטערפירן, איך פאר במילא ליידיק ". שע, טוביה,
קאפ "האדל", ציט אלע ווערק VII ב, נ"י,
1944, ז' 98.

1931 " זייך געדענק האט שוין במילא געארבעט |...|
א/6689 ווי אזו צו העלפן ראטשען וואס גרינטלעכער |...| ".
מ. טייטש, כאוועך ווגליעס טויט, כארקאוו.

1951 " א סך אפטער זיינען יענע פאלן, ווען דער
6678 היסטאריקער האט במילא ראיות פאר זיינע טעאריעס
און ער קריגט נאר צוגאב=באשטעטיקונגען פון דעם
פילאלאג ". ימ, זב ליטע I, נ"י, ז' 446.

2. דעריבער, דערפאר. אויב ער איז אליין ארעם,
איז במילא קלאר אז ער האט מיר ניט געקענט העלפן.
א גוטער עסער איז במילא א שלעכטער פאסטער.

1904 " אפשר דערפאר וואס די בעדעריך האט געהייסן חוה,
6686 האט דעם מאן אירן שוין במילא געפאסט צו הייסן אדם
|...| ". שע, די גרויסע בהלה פון די קליינע מענטשעלעך,
ציט אלע ווערק VII א, נ"י, 1944, ז' 195.

1928 " לערנסטו די נביאים, גייסטו במילא אוועק פון
6683 חסידות". אפא IV, ווילנע, ז' 181.

1938 " דער רעשט |מענטשן| לעבט אין ארעמקייט, רעליגיעזע
6684 זאבאבאנעס און במילא אין אומריינלעכקייט ". זש' פגעז,
נ' 4, ווילנע.

ם ←--- 1.

1716 " נייארט דוא מוזט ערשט גאט דינן וויא דו שולדיק
6680 ביסט, אונ' דיין לוין ווערשטו במילא קריגן". חה I,
אמשטרדם, דף ס - 2.

.................................................................

רעד: דעם ציטאט קאן מען באציען צו באטייט 2 אויך...
געפינען דעם גאנצן קאנטעקסט.

.................................................................

?נ? ב מ י ת ה מ ש ו נ ה | בעמיסע מעשונה | - אדוו פר,
אויך אין מערצאל:|במיתות משונות |בעמיסעס מעשונעס|.
מיט א שרעכלעכן, אויסטערליש שווערן טויט ( שטארבן )
% דער מענטש איז געשטארבן מיט א מיתה משונה - ער איז
אראפגעפאלן פון צענטן שטאק.
ם 1736" זיא |די יידן| זינד מוסר נפש געוועזן במיתות משונות
6692 ואכזריות ". קאל ווב.

?נ? ב מ " כ - ראשי=תיבות פון בר מעלת כבודך - העפלעכקייט
יטולירונג, געניצט אפט אין אמאליקע בריוו |אורעVI ז'336|.

ב מ ל ו א ו |בימלויאי| - אדוו. ( לל ) אין דער
פולער מאס, אין גאנצן; אויך במלואה |בימלויא|.

% ער האט באצאלט וואס יענעם קומט במלואו.

... " דו גיסט אים כבוד, פול ייחוס במלואה ".

חח א. צונזער, ליד פון רובל | ? |.

במלוא קומתו | בימלוי קוימאָסוי | - (פּפּ)

איך זיין פולער הייך, גרויסקייט.

6697 1967. " ביז עס איז אויסגעוואקסן דער מאַה אטלאס במלוא קומתו". ימ, זש' גק, נ' 60, ז' 254.

6696 ם 1676 " |...| דער ניט שני שנים רצופים האט זיין חודש געלט | דעם מלמד | ניט געבין במלואו דארף קיין אמט ניט האבין |...|". תקנות ק"ק ניקאלסבורג, תקנה כ"ג.

?נ? במ"מ - ראשי=תיבות פון במעות מזומנים, במיתה משונה א"א.

בממשות | בעמאַמאָשעס | -- אדוו. (פּפּ) קאנקרעט, באשיימפערלעך, רעאַל. % ס'איז ניט קיין אויסטראכטעניש וואס ער דערציילט, ער האט עס געזעץ בממשות. איך קען עס אייך אויפווייזן בממשות, וועט איר דאס בעסער פארשטיין.

1873 " די משא, וואס ער האט אויף מיר אנגעלייגט, איז בממשות נישט געווען אזוי שווער |...|".

ממוס, די קליאטשע, ווילנע, קאנק: 191880.

במנוחה | בימ(ע)נוכע | - אדוו. אין רו, רויקער-
הייט, אומגעשטערט, געמיטלעך. ער האט זיך פארפלאנטערט
אין זיינע געשעפטן, אז ער קאן ניט שלאפן במנוחה.
יעדער וויל זיך לעבן במנוחה, אן דאגות און
קאפדרייעניש.

1832 " דיא ישראל |...| וועלן זיך פרייאין אז זייא
וועלין במנוחה זיצין אין ארץ ישראל ". מחזור 6702
לימים נוראים, סלאוויטע, דף קטו' - ב.

... " |...| זיי זאלן דארט קענען זיצן במנוחה, ווי
ביי זיך אין דער היים און ארויסברענגען דאס שטיקל 6708
ברויט מיט אייגענער ארבעט ". ממוש, א סגולה,
ז' 23.

1939 " מלאכה-מלוכה, // זינגט במנוחה // א לידעלע
א יידישס!". ז. באר‎דיטשעווער, לידער מיט ניגונים, 6706
טשערנאוויץ, ז' 9.

1968 " פיל הויכע ס=ס= אפיצירן, קריגס=פארברעכער
זענען באהאלטן אין פארשידענע לענדער, דארט לעבן 6700
זיי במנוחה ". ש. רוזמן, ילק
קרפטרוס=מרמורש, רחובות, ז' 11.

במנין | בעמינ(י)ען | - אדוו. ( [illegible] ) אין א מנין, ?נ?
זאלבעצענט. % דאווענען במנין. % די יישובניקעס
האבן נישט געקענט דאווענען אלע טאג במנין, ווייל
אין דארף זיינען געווען סך=הכל צוויי קליינע משפחות.

1884 " |...| וואָרעם ווי דער היגער אוריאדניק | עלטערער
פאליציאנט | דערקלערט, האט דער וורעמעני זאקאן 6709
| ציטווייליקער געזעץ | פארבאטן צו דאווענען במנין
אין דארף ". ייפאל, נ' 39, ז' 607.

במסורה | בימ(ע)סוירע ) - אדוו. ( [illegible] ) ווי
ס'איז איבערגעגעבן געווארן ( פון דור צו דור ),
לויט דער טראדיציע.

% האבן במסורה. אריבער(גייען) במסורה.

% זיי האבן במסורה, אז זייער משפחה שטאמט פון
ווילנער גאון. דער דאזיקער מנהג איז איבערגעגאנגען
במסורה פון אלטע צייטן נאך.

... " איך רייד ניט פון דעם ריינעם יידישקייט, וואס איז איבערגעגאנגען צו אונדז במסורה פון משה רבינוס צייט"..ממוס, בישיבה של מטה |...|, ז' 38. 6711

1951 "ביים פליקן פעדערן האט מען זיך דערציילט וואונדערלעכע מעשיות, וואס פלעגן אריבער במסורה |...|". ה. אבראמאוויטש, זב ליטע I, נ"י, ז' 422. 6712

במסירת הקולמוס | בימסירעס האקולמאָס | - אדוו פר. (סם) דורך איבערגעבן די פעדער, ד"ה, דורך באפולמאכטיקן עמעצן אונטערצושרייבן דעם אייגענעם נאמען.

1865 " איך האב א צוואה פון מיינע עלטערן |...| איך זאל קיין מאל ניט לאזן חתמענען מיין נאמען במסירת הקולמוס אויף רוסיש ". קמ. נ' 5, ז' 70. 6714

במסתרים | בעמיסטאָרים | -- אדוו. (סם) איך פארבארגעניש, באהעלטענערהייט, בסוד. % יענער טוט אלץ במסתרים, אז קיינער זאל ניט וויסן. דער ישיבה=בחור פארנעמט זיך במסתרים מיט קבלה.

1958 " ס'איז דאך מעגלעך, אז ברוך האגער האט גלייך ניט געדרוקט, אבער במסתרים האט ער יא געשריבן פאר זיך |...| ". ש. ביקל, שרייבער פון מיין דור, נ"י, ז' 334. 6690

1968 " וואס ווייגט עס במסתרים איצט די שכינה ?"; ממש, דער שטערן=וואגן, מאנטרעאל, ז' 3.

במעות מזומן | בעמאָעס מעזומען | - אדוו פר. מיט גרייט געלט, ניט געבארגט, ניט אויף א וועקסל. % פאר דער סחורה האט מען זיך געהייסן באצאלן במעות מזומן, קיין אייך גראשן נישט אויף קרעדיט.

במעלה | בעמילע | - אדוו. ( סס ) אויף א מדרגה, שטאנד, אויף א ניווא ( ס'רוב איך זינען פון א הויכער, דערהויבענער מדרגה ). % איך לערנען איז דער בחור גאר במעלה, כאטש ער איז נאך גאר יונג.

...191 " געהאלטן האט זיך דער רב תמיד במעלה, ווי אים אין דער קהילה יידן פאסט, קיין מאל ניט אראפלאזנדיק זיך, חלילה, צו אזוינע מעשים, וואס שמעקן מיט א פארדינסטל ". ממוס, שלמה ר' חיימס !!, ז' 25. 6721

0 במעלה (ה)עליונה | ...(הא)עליוינע | - אדוו פר. ( סס ) אויף א הויכער/העכסטער מדרגה, אין זייער א הויכן, געהויבענעם שטאנד.

1867 " רייסט מיר מיין הארץ צוצוזען ווי |...| פיל מענטשן, וואס זענען געווען במעלה העליונה |...|, זענען געווארן נעבעך יורדים ". קמ, נ' 13, ז' 100 - !. 6722

?נ? במעמד | בעמיימעד | - אדוו. ( סס ) 1. אין דעם ביזיין, אנוועזנקייט ( פון עמעצן ).

... " ער האט עס געזאגט במעמד פון נאך עטלעכע בעלי=בתים חשובים ". פרץ, קאפיטל תהילים. בר

2. אין שטאנד, מסוגל, אין א מצב. % די פאראַרעמטע קהילה איז שוין ניט געווען במעמד אויסצוהאלטן די שטאטישע מוסדות ווי א מאל. יענער איז רייך א און במעמד צו געבן מער אויף צדקה, אבער ער איז זייער קאַרג.

במעשה | בעמײַסע | -- אדוו. ( פּל ) אויף דער וואָר, פּראַקטיש. % דעם מענטשן דאַרף מען שאַצן לויט דעם וואָס ער איז במעשה, נישט נאָר לויט זיינע רייד.

1870 " במעשה שטאַרבט ער | דער נאָר | פאַר הונגער, אָון במחשבה ווערט ער נתעשר ". מ. מ. דלאַגיטש, קמ, נ׳ 31, ז׳ 230 - !!. 6725

1973 " צ׳וואַר | ס׳איז אמת |, ר׳ יעקב=מרדכי האָט ביז איצט זיך אויסגעהיטן פון זינדיקן במעשה ". באַש, 6726

פאַר, VIII/ 24.

במצוותיר | בעמיצווויסאָוו | - אדוו. ( איראָניש ) אונטערן גלעזל, שיכּור, באַטרונקען ( קאָן זיין שטאַמט פון ׳ אשר קדשנו במצוותו " פון קידוש )" | קטוו, ברושי |. ?נ?

במקום ! | בימקוים | דער, ( זך ) = ס.

1. פאַרבייט, סוראָגאַט, עפּעס וואָס קומט שטאָט א צווייטער זאַך, אויף איר אָרט. % ציקאָריע איז ניט קיין שלעכטער במקום פאַר קאַווע. דערווייל האָט מען נאָך ניט געפונען קיין גוטן במקום פון פעטראָל ווי א ברענשטאָף.

1936 " |...| אין טראכטן אויף דער וואָר מוז די אנצו –
העניש זיין גרינג צו פארשטיין און דער במקום 6744
מוז האבן אן אינהאלטיקע שייכות צו זיין עצם ".
איבז מדו, ז. פרויד, ארייגפיר אין פסיכאאנאליז,
ווילנע ז׳ 147.

1948 " |...| היינט אבער איז די וועלט-סיטואציע אזא,
וואס וועט ניט דערלאזן קיין שום אומוועלטלעכע 6742
אפיום=במקומס ". ב. ריוווקין , גרונט=טענדענצן פון
דער יידישער ליטעראטור, נ"י, ז׳ 239.

1959 " דער אידיש=ראמאן קאן נישט זיין קיין במקום
פון אן אמתן ראמאן ". שנ, קריטיק און קריטיקער, 6754
ב"א, ז׳ 21.

2. ( עלט? ) פארטרעטער, פארבייטער, פערזאן וואס
פירט אויס, ס׳רוב צייטווייליק, די פונקציע / ארבעט
פון עמעצן אנדערש; ממלא=מקום, וויצע=....

1870 " איר דארפט וויסן, אז יעדע חברה האט ביז צען
טשלענעס |מיטגלידער|, דריי בוררים, צוויי גבאים, 6747
צוויי במקומס, איין ראש החברה, איין נאמן און איין
רואה חשבון |בוכהאלטער|". קמ, נ׳ 4, ז׳ 29 – !!,

1910 " אנשטאט דעם אויפגערופענעם גייט צו דער תורה
א ׳במקום׳, א סובסטיטוט ". י. גארדין, בילדער פון 6738
גאליציע, נ"י, ז׳ 193.

1938" |...| וועלן אים די ראטמענער אויסקלייבן אויפן א
ארט פון |פרנס| וואס איז יענע וואך געשטארבן. 6746
|...ער| איז דאך נישט געוועזן קיין במקום ".
מ. ווינער, קאלעוו אשקענאזי, מאסקווע.

1965 " דער רבי אברהם ליטוואק האט נאך מיט חדשים
צוריק מיך גענומען מאכן פאר זיין ׳ במקום׳". 6752
פ. רודאי, טמז, XI/21.

3. א עקסל אויף א קורצן טערמין." במקום | טעקסט:
בימקאם |, וואס יידן געברויכן ביי האנדל=טראנזאקציעס;
6745 אנשטאט קאסע=געלט גיט מען זייער א קורץ וועקסעלע,
הייסט עס, במקום". | קטוו |.

0 במקום=בעל=הבית | באלעבאס | - דער, =הבתים |=באטים|.
פארטרעטער, ממלא=מקום פון בעל=הבית.

1924 " און ביים בופעט האט זיך דער במקום=בעל=הבית,
6770 א דאר יידל |...| איינגעמאַשטשעט אויף א בענקל
און געדרימלט ". ה. זאלאטאראוו, שריפטן I, נ"י,
ז' 191.

1957 " בלייבט ער במקום=בעל=הבית ". הר, פאר=נאכט,
6739 ל"א, ז' 187.

במקום=ווארט -- דאס, =ווערטער. (גראם)
פראָנאָם | סטוטש 371 |.

במקום=זאך -- די, =ן. פארבייט, סוראגאט.
1956 " ער, וויטמאן, זאגט זיך אפ אנצונעמען א במקום=זאך,
6774 ער מאנט די זאך אליין ". זש' פאריזער צייטשריפט,
נ' 15 - 16, ז' 147.

במקום=כהן | =קויהען | - דער, =כהנים | קויהאנים |?|.
1863 " ווען מען האט אויפגערופן | צו דער תורה איין
6778 לוי, איין ישראל במקום=כהן |...| ". א. דאנציג,
חיי אדם, ווילנא, דף כ - א.

1895 " איך מיטן דריינען האט דער שמש א געשריי געטון:
6776 צען גילדן במקום=כהן!". ייל, דאס פוילישע יונגל,
ציט אויסג, וויען, 1921, ז' 54.

**במקום=כולם** |~קולאָם| - דער, בא. עמעצער וואס פארבייט די פונקציעס פון פארשיידענע אנדערע פערזאנען.

1961 " יאר=איין, יאר=אויס, אום הושענא=רבה פלעגן זיך
6779 זאמלען די בוררים ביי דער קלפי און אויסוויילן
זיבן גבאים |...| וואס זעקס פון זיי האבן אנגעפירט
מיט דער חברה |=קדישא| איין משך פון א יאר, יעדער
גבא, צוויי חדשים ( פרנס=חודש ), און דער זיבעטער,
וועלכן מ'האט גערופן 'במקום=כולם' האט פארטראטן
יעדן איינעם אין פאל פון קראנקייט אדער אן אנדער
סיבה ". מ. ש. גשורי, ~~פּ~~ לוצק, ת"א, ז' 332.

**במקום=נאמען** -- דער, ~=נעמען. א נאמען וואס קומט אנשטאט א צווייטן, אן אמתן נאמען.

1958 " ישמעאל און זיינע אלוזיעס בן=אָמה |...| און בן=
6783 שפחה זיינען במקום=נעמען פאר מוסולמענער, אראבער ".
מ. קאסאווער, יישפּ ~~זזער~~ - 1.

ם ← 2.

1733 " דער מוז איין |...| שבועות הערך טוהן כפי הנוסחא
6750 אלז איהם מהאב"ד או מהבמקום אויף גזעצט ווערדן".
פנקס הקהל דק"ק רונקל | סונקל? |, תצ"ג, ציט ייבל IV,
1934, ז' 91.

1743 " נאך אים איז ווידער ( במקום רב ) געוועזין,
6788 דער אובן געמעלטן ראטרדאמער ( רב ) ". שאר, דף קל"ו.

**ב מ ק ו ם II** | בימקוים | - פרעפ. (אָנ)שטאָט, אויפן אָרט פון עמעצן/עפּעס.

1811 " דר נאך טוט מן די כפרה די פעדרן אפ סמאלן
6743 איז במקום שריפה גלייך מן איינם פר ברענט ".
שלחן ערוך, אורח חיים, ווילנא, תקע"א.

... " |...| ער זאל די טאכטער זיינע תיכף חתונה מאכן

6762 מיט א פועל, וועט דער איידעם מפרנס זיין די טאכטער

מיט דער אלמנה און קדיש זאגן <u>במקום</u> א זון ". <u>פרץ,</u>

<u>חסידיש</u>, <u>פון יוחנן מלמד'ס מעשה'לעך</u>,... <u>ציט איסג</u>..

ז' 82.

1916 " אבער <u>במקום</u> [פון] קאפטאן איז ער שוין אנגעטון אין

6751 א לאנגן זשאקעט |...| ". <u>ד. י. זילבערבוש,</u>

<u>שטרעכאלעך</u> |...|, ווין, ז' 25.

6769 1957 " תפילה איז <u>במקום</u> קרבנות |...| ". <u>לדב</u>, נ"י, ז' 220.

1595 " ווען מן ציכט אויף דיא ירידים, זולן דיא

6763 שמשים אודר אונטר שמשים גין לנשים , דאז דיא איין

ווערפין <u>במקום</u> איר מאנן ". <u>קראקעווער קהלה תקנות.</u>

1791 " ווען |...| מן רופט איין ישראל אודר איין לוי

6777 <u>במקום</u> כהן |...|". <u>ש. פראנקפורט,</u> <u>ספר החיים,</u>

זולצבאך, תקנ"א, דף כ"א - <u>!!</u> .

............................................................

באמ: ניט זיכער צי די צווייטע ציטאט קומט אהער(ווי

פרעפ) אדער ~~[illegible]~~ [illegible] <u>במקום=כהן</u>, ווי איין ווארט).

............................................................

ב מ ק ו ם <u>!!!</u> | בעמאָקעם | - <u>אדוו</u>. אויף דעם ארט/

פלאץ, אין דער סביבה (וואס, איז אנגעווייזן אין נאכ-

קומענדיקן ווארט ).

| תקע"ז? | " ווען איינר גיט האנדלן אודר <u>במקום</u> סכנה

6785 זאל ער דעם עני געבן פריאר ברויט |...| ," ~~.II==27=ז~~

<u>ספר חסידים</u>, ... סימן קנ"ה - 31.

1832" | דער בעל=תשובה | זאל תמיד זיצן <u>במקום</u> יהודים

6755 יראים |...| " . <u>פוקח עורים</u>, שקלאוו, אות י"ב.

1850" |...| ווי טאר מען זיך איינשטעלן במקום סכנה |...| עס שטייט דאך, מען טאר זיך ניט סומך זייך אויף א נס ". ספר שבחי בעש"ט, זאלקווא, תר"י, ז' 27 - II. 6785

במקום שאין איש, איז א הערינג (אויך) א פיש (שוו) - שפאסיק וועגן דעם, אז מע מוז זיך א מאל באנוגענען מיט א סוראגאט, מיט א זאך פון א קלענערן ווערט.

189... " |...| ווי די גמרא זאגט: במקום שאין איש - איז א הערינג פיש ". שע, טביה, ציט איסג ווארשע, 1952, ז' 23. 6736

במקום שאין איש, טאנצן זאל א קניש (שוו) - (שנש?) דזוו דפוו.

" וועך זינגען זאלן פיש במקום שאין איש, טאנצן זאל א קניש, וואלט געווען |...| ". אשם, משלים, ווארשע 1932, קאנק: 123/216-III. א/6752

1798 " |...| און דוא זאלשט אים חלילה ניט בודק זייך ווען ער גייט במקום סכנה ". תחנות ובקשות, דיהרנפורט, ציט איבערדרוק ווילנא 1858, דף יא - א. 6741 בו - 267

ב מ ק ח | בעמעקעך | -- אדוו. (אין סוחרישן לשון)
פאר א פאסיקן פרייז. % קויפן / פארקויפן במקח.
ער האט איינגעהאנדלט א ראמש סחורה במקח, און מיר וועט בלייבן דערביי.

1906 " - איך פארקויף פי פון טארג |...| - איך וואלט געווען א בעלן קויפן עטלעכע שטיקלעך, אויב במקח".
די מעשה פון פיער ברידער, ווארשע, ז' 23. 6790

0 במקח=השווה |האשאווע| - אדוו פר. פאר א גלייכן
( לוינעוודיקן) פרייז, אין גלייכן געלט. % דער
סוחר האט איינגעהאנדלט אויפן יריד עטלעכע קערץ קארן.
במקח השווה.

1867 " אין |...| שילגאס געפינען זיך פארשיידענע כשרע
ווייגען |...| און ווערן פארקויפט במקח השווה". 6791
קמ, נ' 12, מודעות. ז' 95 - I.

..." בכאן פארקויפט מען יארצייטליכט במקח השווה". שע,
ארעמע און פריילעכע II, ציט אויסג... ז' 174, 6775
דערציילונג "אפגעשלאגענע הושענות".

במקל וברצועה | בעמאקל ובירציצוע| - אדוו פר.
( לל) מיט א שטארקער האנט, ברוטאל(רעגירן, געוועלטיקן)
% דער דיקטאטאר הערשעוועט אין לאנד במקל וברצועה.

במקלם ותרמילם |בעוואקלאם וועטארמילאם| -
אדוו פר. ( לל) מיטן גאנצן פארמעג, מיט האק און פאק.

1959 " אויב זיי ווילן בלייבן אין דער רעגירונג, מוזן
זיי קומען צו אים |צו בן=גוריונען| במקלם ותרמילם 6794
און אננעמען זיין פסק". ד. פלינקער, צ' טאג, VII/8.

במקרה |בעמיקרע| - אדוו. ( עלט? לל? )צופעליק,
על=פי=טראף! ניט פלאנירט פון פאראויס.

1869 " איך האב א מאל ערגעץ געלייענט אין א בערלינער
ספרל במקרה, אז די ערד האט א כוח המושך". עלי קצין 6798
|ייל|, קמ נ' 16, ז' 116 - I.

1883 " נייערט ער | שלמה המלך | זאגט, אז די טפשים,
די נארן ריידן אזוי, דען זיי קוקן ניט אין דער 6797
תורה און זאגן, אז די וועלט איז נאר במקרה |...|
איין טרעפונג צו דער בהמה און צו מענטשן ".
נופת צופים II, ווילנע, דף מג - I.

1736 " במקרה Ohngefähr- ". קאל ווב.

?נ? ב מ ר א י ת ה ע י ן | בעמארעס האאין | - אדוו פר.
( לט ) אין א וויזיע, זעונג.

1883 " |...| אבער אז ער | יעקב אבינו | האט שוין געהאט
די ווייבער, איז זי | די שכינה | נתגלה געווארן 6799
צו אים אין מיטן טאג במראית העין ". נופת צופים
( אויף חומש ) II, ווילנע, ז׳ 120 - II.

ב מ ש ך | בעמעשעך | -- פרעפ( אפט מאל צוזאמען מיט
דער פרעפ פון). אין דער צייט, אין פארלויף.
% במשך דער גאנצער מלחמה איז ער געווען אין רוסלאנד.
במשך פון דעם חודש וועלן ניט זיין קיין לימודים.

1894 " דאס אלץ, וואס ער האט דא במשך עטלעכע מינוט
געזען, האט פאר אים זייער משונה אויסגעוויזן ". 6805
איבן ק. סוביל,| פון וועמען ? | , דער אקטאר מיט
זיין טאכטער, ווארשע.

1957 " במשך פון דער וואך, וואס דער זיידע איז געווען
אין O. האט ער געמאכט א מנין יונגעלייט חסידים ". 6814
לדב, נ"י, דף קל"ב.

1973 " במשך פון דער |...| פויזע אין גראדנע, האט
ווידא געבושעוועט אין געטא ביאליסטאק |...|". 6807
בו 4639
ענציקלאפעדיע גלות=לענדער, ב׳ IX, גראדנע, ת"א, ז׳ 702.

ב מ ש כ ו ן | בעמאַשקן | - אדוו. ווי א משכון ✱ (א חפץ, א ווערטזאך וואס מע לייגט איין ווי|א גאראנטיע ביים נעמען א הלוואה×), אויף קויציע. % לאזן במשכון, איינלייגן במשכון.

1836 " איין קלייד פון איין עכו"ם | ניט=ייד | וואש
6814 ליגט במשכון בייא איין ישראל מאג מען עש אים אויש
בייטן אויף אנאנדר משכון אום שבת ". לט 2,
סדילקוב, דף 68 - ב.

1888 " ער האט ניט געהאט, נעבעך, מיט וואס צו באצאלן
6816 פאר דער פור און האט געמוזט לאזן במשכון ביים
בעל=עגלה דעם טלית=ותפילין ". ייפאל, נ׳ 13 - 14,
ז׳ 403.

?נ? ב מ ש מ ע | בעמאַשמע | - אדוו. (סס) 1: איין זינען פון דעם ווארט. % דאס וואס יענער האט געזאגט, מיינט ער טאקע במשמע.

2. איינגעשלאסן ( אין דעם ).

1957 " נאך אלעמען זענען מיר אלע מענטשן - די דייטשן
אויך במשמע ". צייט, טמז, !!!/15.

ב מ ת נ ה | בעמאטאנע | - אדוו. ווי א מתנה, געשאנק. % שענקען / געבן, קריגן במתנה. צו זיין יובל האט ער געקריגן במתנה א גאלדענע פעדער.

1877 " אז | דו | געפינסט א מציאה אדער מען האט דיר
6822 געגעבן במתנה הן געלט אדער שווה כסף, פון אלעס
שייד אפ מעשר ". ס׳ היראה,... ז׳ 19.

1912 " מען וועט איצטער ניט פאלן פאר ~~גאר~~ אור אויף די קני,

|...| בעטן ליבע במתנה, ווי אין פעריאד פון קדושה ". 6819

זשיט, שריפטן IV, נ"י, ז' 205.

0 במתנה גמורה |...גמורע | - אדוו פר. דזוו דפוו,

עמפאטיש.

1895 " לכן זאלט איר איר |..| שענקען | דאס צירונג |

במתנה גמורה, וועל איך שוין פועלן, |...| איר 6823

זאלט זיך משדך זיין מיט איר פלימענ~~צ~~יצע ". ייל,

דאס פוילישע יונגל, אדעס, ז' 150.